תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# מְ'טָאר נִישְׁט לֵייגְן אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג אִין גַאס!!!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' יַעֲנְקֶל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי קִינְדֶער וַוארְפְן אִין גַאס שָׂאלֶעכְטְס פוּן בַּנַנוֹת אוּן עֶפְּל אוֹיף דִי עֶרְד.

הָאט זֵיי ר' יַעֲנְקֶל גֶעזָאגְט:

"טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מְ'טָאר נִישְׁט אַזוֹי טוּהְן, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען זִיךְ חָלִילָה אוֹיסְגְלִיטְשְׁן פוּן דִי שָׂאלֶעכְטֶס אוּן זֵיי קֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דִי הֶענְט אָדֶער דִי פוּס".

דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט ר' יַעֲנְקְל אוּן זֵיי הָאבְּן וֵוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זֵייעֶרע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים בִּיז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ אוּמְגְלִיק...

דֶער קְלֵיינֶער יוּנְגֶעל שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז גֶעלָאפְן אַהֵיים אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן דִי שָׁאלֶעכְטְס וָואס עֶר אַלֵיין הָאט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן.

אִיז גֶעקוּמֶען אַ הַצָלֶה אוּן אַ אַמְבּוּלַנְס אוּן מ'הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל.

פַאר שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט זַייעֶר וַויי גֶעטוּהְן דִי קְלַאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן נָאר נָאךְ דְרַיי וָואכְן אִיז עֶר אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ גֶעבֶּעס אוֹיף זַיין פּוּס.

פוּן דֶעמָאלְטְס וֶוען שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי זַיינֶע חֲבֵרִים וַוארְפְן אַרָאפּ שָׁאלֶעכְטְס אוּן זַיי לֵייגְן אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג אוֹיפְן גַאס הָאט עֶר זַיי אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַזוֹי וִוי ר' יַעֲנְקֶל הָאט גֶעזָאגְט "מְ'טָאר נִישְׁט אַזוֹי מַאכְן..." אוּן מְ'הָאט טַאקֶע מֶער נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזוֹי.